# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:16
מוצאי שב"ק....................6:48

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ירמיה ל"ח-ל"ט
בבלי............................חגיגה י'
ירושלמי..........בבא קמא כ"ט
תוספתא............עבודה זרה ט'
רמב"ם..............טומאת מת י'


פרשת כי תשא, י"ח אדר-א', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 25 (540)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"א), דִי וֶוערְטֶער ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי", אוּן פַאַרְקֶערְט זָאגְט דֶער פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א ב', ט') רְ'שָׁעִים בַּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ, וָואס אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען דֶעם צִיל פַארְוָואס עֶר גֵייט אַהִין, דָאס אִיז אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רֶבִּי קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק פַאר זִיךְ אַלֵיין, נָאר אוֹיבּ דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ וֶוען מֶען גֵייט צוּ דֶעם רֶבִּי וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן זִיךְ פִירְן מֶער עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, דֶער רֶבִּי קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז וָואס זֵיי לִיגְן אוּן זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, צוּ אַזַא רֶבִּי לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט יֶעדְן אִיד, זִיךְ גֶעזָארְגְט פַאר אַלֶע אִידְן, אוּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, הָאט עֶר זֵיי נִישְׁט מְרַחֵק גֶעוֶוען אוּן פַארְטְרִיבְּן פוּן זִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר זֵיי, זֵיי מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען, אוּן צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, אַז עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זַיין אֱמֶת'דִיג דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶע סָארְט רֶבִּי, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַן עֶרְלִיכֶער אוּן הֵיילִיגֶער אִיד, עֶר אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט דֶעם כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיךְ זַיינֶע מְקוּרָבִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק רְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ, אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיין נָאר פוּן זַיינֶע מְקוּרָבִים, זֵיי בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, חַשְׁכוּת, אוּן דִמְיוֹנוֹת, זֵיי בְּלַייבְּן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט דֶעם כֹּחַ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל'), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, פַאר זֵיי אִיז גֶענוּג צוּ גֵיין צוּ אַ חָשׁוּבְן אִיד, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד, "הַלְוַאי זָאל אִיךְ קוֹדֶם זַיין כָאטְשׁ אַזוֹי וִוי אִים"; דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן, "אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי שְׁוֶוער קְרַאנְק, דַארְף אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטָאר, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, הַלְוַאי זָאל אִיךְ כָאטְשׁ זַיין אַזוֹי גֶעזוּנְט וִוי אִים"... יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַזוֹי צוּ זָאגְן, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, וִוי מֶער קְרַאנְק אַ מֶענְטְשׁ אִיז, לֹא עָלֵינוּ, דַארְף עֶר זוּכְן אַ גְרֶעסֶערְן דָאקְטָאר וָואס זָאל אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן.

אַ רֶבִּי אִיז אַ רוּחְנִיּוּת'דִיגֶער דָאקְטָאר, וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ רֶבִּי דַארְף דֶער רֶבִּי אוֹיסְהֵיילְן זַיינֶע רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע קְרֶענְק, עֶר דַארְף הָאבְּן דֶעם וֶועג אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן תַּאֲווֹת אִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט, אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק בְּרוּחְנִיּוּת, דַארְף עֶר זוּכְן אַ גְרוֹיסְן רוּחְנִיּוּת'דִיגְן דָאקְטָאר, וָואס קֶען אִים בֶּאֱמֶת אוֹיסְהֵיילְן.

וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק קְרַאנְק בְּרוּחְנִיּוּת, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט הָאבְּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר זֵיי אוֹיסְצוּהֵיילְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי וֶועג צוּ נֶעמֶען דִי אִידְן פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, בִּיז זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס זַיין גַאנְצֶער צִיל אִיז אוּנְז צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן של"ה), "וָואלְט אִיךְ דֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אַזַא גוּטֶער אִיד וִוי אַנְדֶערֶע גוּטֶע אִידְן, וָואס דִי חֲסִידִים פָארְן צוּ זֵיי אוּן וֵוייסְן נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֵיי קוּמֶען אַהֵיים אוּן וֵוייסְן נִישְׁט מִיט וָואס זֵיי זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען? אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַייךְ צוּ מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶער שְׁטְרֶעבְּן".

דֶער רֶבִּי נֶעמְט דֶעם מֹחַ פוּן אַ אִיד אוּן שְׁטֶעלְט עֶס אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶר לֵייגְט אַרֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערִין, אַז דֶער אִיד זָאל נָאר וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(עפ"י תּוֹךְ הַנַּחַל כִּי תִשָּׂא תש"ס)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גוּטֶע חֲבֵרִים

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דִי פַאלְשְׁקַייט פוּן חֲבֵרִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זַיין חַבֵר, וֶוערְט עֶר נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, וַוייל יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ אוּן זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז אַלֶעס אָבֶּער וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן גַשְׁמִיּוּת. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ רוּחְנִיּוּת דָארְט אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט אַזוֹי. כָאטְשׁ וָואס בַּיי רוּחְנִיּוּת דַארְף מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אָפְּגֶענַארְט פוּן מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אָבֶּער יָא זוּכְן גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מא, ו) "אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק" - מֶען דַארְף זִיךְ יָא הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים, אוּן אֵיינֶער זָאל שְׁטַארְקְן דֶעם צְוֵוייטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

חַזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נ"ב.) "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ". בְּפַּשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז וֶוער עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן זַיין חַבֵר, הָאט אַ גְרֶעסֶער יֵצֶר הָרַע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אָבֶּער טַייטְשְׁן דִי גְמָרָא אַז עֶס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן וִויכְטִיגְקֵייט זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים. זֵיי הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט, "כָּל הַגָּדוֹל" - וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אוּן אִיז מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת ה', אִיז דָאס "מֵחֲבֵרוֹ" - וַוייל עֶר הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס שְׁטַארְקְן אִים. "יִצְרוֹ גָּדוֹל" - אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אִים, אִיז אַ סִימָן אַז "הֵימֶנּוּ" - דָאס קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר הַאלְט אַז עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַוַודַאי אַז דִי שְׁלִיסְלֶען פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (תַּעֲנִית ב.), נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אִים בֶּעטְן אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, צֶען מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.
דַיְקָא וֶוען מֶען זֶעט שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיינְס, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ - דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע זַייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר פָּארְגֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, "עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת כה, ח): "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם", אִיךְ וִויל רוּעֶן צְווִישְׁן אִידְן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מַאכְט מִיר אַן אָרוֹן, אִינֶעם אָרוֹן זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן דִי תּוֹרָה.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי אָרוֹן, אַלֶע זַייטְן הָאט עֶס מִידוֹת שְׁבוּרוֹת, צֶעבְּרָאכֶענֶע מָאסְן, אַמָּתַיִם וָחֵצִי, אַמָּה וַחֲצִי; דִי מְפָרְשִׁים זָאגְן פְּשַׁט (עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים), דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נָאר בַּיי אַ מָקוֹם נָמוּךְ, בַּיי אַן עָנָיו.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן נָאכְמֶער, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע זַייטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט זַיין מְסוּדָר מִיט אַ סֵדֶר, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן, נִישְׁט מְסוּדָר, אַ כְּלִי נִשְׁבָּר; אוֹיבּ לֵייגְן מֶען אַרַיין דִי תּוֹרָה אִין דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם כֵּלִי – וֶוערְט דָאס דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דָאס קוּמְט אָן אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ – אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים! נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער מֶען אִיז, "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

יֶעדְן, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים, עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר קֶען אַלֵיין אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטַייטְשְׁט דִי מִשְׁנָה אִין אָבוֹת (ב', ד') "אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ" - דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין דִיר אַלֵיין בִּיז צוּם שְׁטַארְבְּן. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטַייטְשְׁט אַז מֶען קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין זִיךְ וֶוען מֶען אִיז "בְּעַצְמְךָ" - אַלֵיין, אָן קַיין חֲבֵרִים. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וִוי שְׁטַארְק עֶר זָאל נָאר זַיין, קֶען עֶר אָבֶּער אֵייבִּיג אַרָאפְּפַאלְן, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, וֶועט עֶר אֵיין טָאג אַוֶועקְפַאלְן. וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אָבֶּער אִינְאֵיינֶעם מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, דַאן וֶוען עֶס וֶועט אֵיינֶעם גֵיין שְׁוֶוער וֶועט אִים דֶער צְוֵוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס, אוּן וֶוען דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט הָאבְּן אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, וֶועט אִים דֶער עֶרְשְׁטֶער קוּמֶען צוּ הִילְף, אוּן אַזוֹי וֶועלְן בֵּיידֶע בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גוּטֶע רֶעלְסְן.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן חֲבֵרִים וֶועלְכֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אוּן שֶׁעפְּן חִיּוּת פוּן דֶעם זֶעלְבְּן צַדִּיק, אִיז דָאס נָאךְ פִּיל מֶער וִויכְטִיג אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אֲנַן בְּחַבִיבוּתָא תַּלְיָא" - אוּנְזֶער הַצְלָחָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס סְ'אִיז דָא צְווִישְׁן אוּנְז. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אַז דִי וָוארְט "אֲנַן" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ", אַז אִידְן וָואס שְׁפִּירְן אַ חִיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת, דַארְפְן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע כּוֹחוֹת צוּ מְקַבֵּל זַיין נָאךְ מֶער אוּן מֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זֵייעֶר לִיכְט וֶועט שַׁיינֶען אַסַאךְ מֶער אוּן אַסַאךְ וַוייטֶער, אוּן קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל הָאט גֶעהַאט אַ גוּטֶע חַבֵר מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי מָרְדְכַי שׁוֹחֵט זַ"ל. זֵיי פְלֶעגְן הָאבְּן אַ צַייט יֶעדְן טָאג וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִין עֲבוֹדַת ה', זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. אֵיינְמָאל אוּם יוֹם כִּיפּוּר, וֶוען מֶען זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ גֶעקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ עֶר קֶען טַאקֶע נִישְׁט יֶעצְט גֵיין שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין חַבֵר אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, וֶועט עֶר אָבֶּער נָאכְאַלְץ אַהִינְגֵיין אַלֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ זֵיי רֶעדְן יֶעדְן טָאג אִינְאֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אַלֵיין דֶערְמַאנֶען אוּן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן דִי דִבְרֵי חִיזּוּק וָואס זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ. וִוי פַארְוואוּנְדֶערְט אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אוּן דָארְט גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֵר רֶבִּי מָרְדְכַי שׁוֹחֵט. פַאר זַיין חַבֵר אִיז אוֹיךְ בֵּייגֶעפַאלְן דֶעם זֶעלְבְּן גֶעדַאנְק, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל זִיךְ הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּזַאמֶען, וַוייל נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ הַצְלָחָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח) אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען וֶוען עֶר וָואלְט גֶעהַאט אֵיינֶעם, סַיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, וָואס זָאל אִים זָאגְן "מַיין בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר וָואלְט פִּיל מֶער גֶעלָאפְן אִיז זִיךְ מְזָרֵז גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה', וַוייל אוֹיף יֶענֶעם צַדִּיק אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינֶער וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. דָאס וַוייזְט וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס זָאלְן אִים שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין, אַז אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן חִיזּוּק. פַארְקֶערְט, דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וִוי גְרֶעסֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער וִויל אִים דֶער יֵצֶר הָרַע צוּבְּרֶעכְן. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר הָאבְּן גְרוֹיס חִיזּוּק.

עֶס אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשׁ פְּלִיאָה "מָה רָאָה אָדָם לַחְטֹא? לְפִי שֶׁרָאָה בִּשְׁתַּיִם וְלֹא רָאָה בְּשָׁלֹשׁ" - פַארְוָואס הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזִינְדִיגְט? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען נָאר צְוֵויי אוּן נִישְׁט גֶעזֶען דְרֵיי. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס טַייטְשְׁן לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן דְרֵיי נְקוּדוֹת "נְקֻדַּת הָרַבִּי", "נְקֻדַּת הֶחָבֵר", אוּן "נְקֻדַּת עַצְמוֹ". רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַמָּזוֹן ה"ג) אַז קוֹדֶם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גֵיין אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ חַבֵר מִיט וֶועמֶען זִיךְ אִיבֶּערְצוּשְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן. אוּן דֶערְנָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אַלֵיין שְׁטַארְקְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם מִדְרָשׁ, פַארְוָואס הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזִינְדִיגְט? נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן גַן עֶדֶן אִיבֶּער דִי עֲבֵירָה פוּן עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַז דִי גְמָרָא זָאגְט (עֵירוּבִין י"ח:) אַז הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵייסִיג יָאר הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעזִינְדִיגְט. דָאס אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען צְוֵויי נְקוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי נְקֻדָּה פוּן אַ רֶבִּי, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט זַיין אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה. עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט דִי דְרִיטֶע נְקֻדָּה וָואס דָאס אִיז אַ חַבֵר. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אוּן זָאגְן: "בִּיזְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הוֹיבּ זִיךְ אוֹיף אוּן גֵיי וַוייטֶער", אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן. בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין זוּן קַיִן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כ"ב, י"ג) אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט זַיין עֲבֵירָה אַז עֶר הָאט גֶע'הַרְגְ'ט הֶבֶל, הָאט אִים קַיִן גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן. דַאן הָאט זִיךְ אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעקְלַאפְּט אִין פָּנִים אוּן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי גֵייט עֶס? מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט? אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט?!" דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין חַבֵר מִיט וֶועמֶען זִיךְ דוּרְכְצוּרֶעדְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז'.) אַז ר' חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, אָבֶּער נָאךְ מֶער הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים", וַוייל אָן דִי הִתְחַזְקוּת וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַ חַבֵר, וֶועט מֶען אַוֶועקְפַאלְן אוֹיךְ פוּנֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת דֵּעוֹת פֶּרֶק ו') אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אֵייבִּיג נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ דִי סְבִיבָה אַרוּם אִים, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וַוייל מֶען קֶען וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי. אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, דְרֵייט עֶר זִיךְ נָאר צְווִישְׁן גוּטֶע חֲבֵרִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיךְ וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְשׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב מִכְתָּב ה'קי"ב)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס.**

**תפד**

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְזֵירוֹת וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעוָואלְט גוֹזֵר זַיין אוֹיף דִי אִידְן, צוּ נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע גְזֵירוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף דִי וָואס זָאגְן אַז דִי גְזֵירוֹת וֶועלְן זִיכֶער נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעפִירְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס זִיכֶער נִישְׁט טוּן צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין בִּכְלַל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דָאס טוּן צוּ אִידְן, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נַארִישׁ אַזוֹי צוּ זָאגְן, עֶס אִיז דָאךְ נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי גְזֵירוֹת וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פַאר גְרִינְג, נָאר מֶען זָאל אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירוֹת, וַוייל תְּפִלָּה הֶעלְפְט אַלֶעמָאל.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "הֲיִתָּכֵן אַז מִיר לָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרַאכְטְן פוּן מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט? מִיר דַארְפְן רוּפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן זַיינֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק אִין אַ גֶעווִיסֶע גְזֵירָה אוּן דָאס גְלַייכְן, אִים אַוֶועקְרוּפְן פוּן דָארְט, עֶר זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק כִּבְיָכוֹל, אוּן עֶר זָאל קֶערְן צוּ אוּנְז, אוֹיסְהֶערְן וָואס מִיר רֶעדְן צוּ אִים, וָואס מִיר בֶּעטְן אִים, אַז מִיר ווִילְן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים, מִיר ווִילְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. וַוייל וֶוען אַ אִיד ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וַוארְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶר ווִיל גוֹזֵר זַיין, עֶר לָאזְט אָפּ אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן כִּבְיָכוֹל, אוּן עֶר וֶוענְדְט זִיךְ נָאר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, וָואס ווִיל אִים בֶּעטְן הִילְף צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ג, ב') "אֱלֹקִים אַל דֳּמִי לָךְ", דָאס וָוארְט "דֳּמִי" מֵיינְט אוֹיף רוּסִישׁ "טְרַאכְטְן", אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי צִיעֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אוּנְז, אַז עֶר זָאל כִּבְיָכוֹל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין גְזֵירוֹת.

**תפה**

דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה "אֶמְצָעוּתָא דְעָלְמָא" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן יִרְאָה, אַזוֹי וַוייט אַז דִי צוּהֶערֶער הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר זָאגְט, נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פוּן זַיין כְּתַב יַד קוֹדֶשׁ, מִיט זַיין הֵיילִיג לָשׁוֹן.

**תפו**

אִין יֶענֶעם זוּמֶער אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיים רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם "סֵפֶר הָא-ב", וָואס הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם נָאמֶען "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", פַאר רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן.

דֶער סֵפֶר אִיז גֶעלִיגְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, אוּן יֶעצְט אִיז עֶס נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן.

וִוי אַזוֹי דֶער סֵפֶר אִיז נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן, אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' דוֹב חַיָה'לֶעס, עֶר אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט לַאדִיזִין, אוּן אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַסַאךְ יָארְן.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער מַאן הָאט אַ סְמַארְטְפָאוּן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען גֶעבְּן חִיזוּק פַאר פְרוֹיעֶן וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ו' אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אַסַאךְ פְרוֹיעֶן דַארְפְן חִיזוּק אוֹיף דֶעם פְּרָט, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ.

אִיר ווֵייסְט אַוַדַאי דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן פְרוֹיעֶן, "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם" (סוֹטָה יא.), בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע זַאכְן הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה? דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם), דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים קוּמֶען, זֵייעֶר קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער; אַזוֹי ווִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, דִי וָואס הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אוּן זֶענֶען אַיינְגֶעטוּנְקֶען רֹאשׁוֹ וְרוּבּוֹ אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, קָאפּ אוּן הַארְץ אִין דִי נֵייעֶס, דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה אִין דִי נַארִישְׁקֵייטְן; דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן דִי פֶעלְד אַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן אַהֵיים גֵיין.

דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת - זֶענֶען אַרוֹיס אִין פֶעלְד צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט וַואסֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, בְּשַׁעַת זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער אִיז אַרַיין גֶעשְׁווּימֶען קְלֵיינֶע פִישׁ, דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער, אוּן יֶעדֶע פְרוֹי הָאט גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר מַאן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט רוּת, ד'): "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת עֲתִידִין לְהִגָּאֵל", אִין זְכוּת פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם לַאנְגְן בִּיטֶערְן גָלוּת; בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן דָאס זֶעלְבִּיגֶע וָואס דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, זֵיי וַוארְטְן אָפּ דֶעם מַאן, זֵיי גֵייעֶן אַנְטְקֶעגְן דֶעם מַאן, זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה, זֵיי רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן, זֵיי הָאבְּן לִיבּ דֶעם מַאן, בִּיז דֶער מַאן ווִיל פוּן זִיךְ אַלֵיינְס שׁוֹין נִישְׁט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע וַוייבּ, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ קְלוּגֶע, וָואס זִי אִיז פוּן אֵיין זַייט שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין כֵּלִים וָואס רַבָּנִים אַסְרְ'ן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען זֵיי גוּט צוּם מַאן, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי - אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס פְרוֹיעֶן קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוען פְרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי קֶענֶען אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט - וָואלְטְן זֵיי זִיכֶער גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן.

מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער, וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער"; דָאס דַארְפְן אַלֶע פְרוֹיעֶן בֶּעטְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן מַיין מַאנְ'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן צַייט צוּ צַייט, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין פִילֶע אַלְטֶע סְפָרִים אוּן סִיפּוּרִים, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְן פוּן זַיינֶע יְדִיעוֹת.

דָאס פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיז אִים אָבֶער אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר הָאט גֶעהַאט פִילֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר הָאט אָבֶער גָאר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מַמָּשׁ חוּץ לַדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אֵיין טָאג בַּאשְׁלָאסְן אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי רַבָּנוּת פָּאסְטְן אוּן זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן וואוֹינֶען נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן. עֶר הָאט דָאס טַאקֶע גְלַייךְ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אַייְנְגֶעמָאלְדְן פַאר דִי שְׁטָאטְסְלַייט אַז עֶר לָאזְט אָפּ דָאס רַבָּנוּת אוּן צִיעֶט זִיךְ אַרִיבֶּער מִיט זַיין פַאמִילְיֶע צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעוואוֹינְט.

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג, עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת אוּן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע סְפָרִים. צוּמָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִים אַ דְּבַר תּוֹרָה, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְן זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דָאס אִיז אֶמֶת'ע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ", אוּן דֶער רָב הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, צוּ וִויסְן וֶועלְכֶע חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה זֶענֶען רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט זַיינֶע כַּוָּונוֹת מִיט דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ גֶעוָואלְט הֶערְן נַייעֶ זַאכְן, דֶער רָב הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי אַלֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעטוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ טוּן, הַשָּׂגוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז בַּאקַאנְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִילֶע סִיפּוּרִים אוּן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעהוֹיבְן.

אֵיין טָאג אִינְמִיטְן זוּמֶער אִיז דֶער רָב אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, וָואס פוּן דֶעם אִיז נָאכְדֶעם נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן דֶער סֵפֶר הַמִּדּוֹת.

דִי מַעֲשֶׂה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **ברוך נוסבוים** הי"ו

**צו די געבורט פוז א מיידל למזל טוב**

## זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק בן פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# בחורי הישיבה ענדיגן דעם שובבי"ם מיט פולע קעשענעס

דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען די בחורים פאר די שובבי"ם טעג מיט די ווערטער וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן: "ווען מען גייט ארויס פון די חנוכה טעג, מען האט געצינדן די הייליגע חנוכה ליכט, מען גייט אריין אין שובבי"ם, דארף מען זיך משלים זיין מיט תשובה, תורה, תפלה, ומעשים טובים, אזוי וועט מען אריינגיין אין אדר און אין פורים מיט שמחה ווי חז"ל זאגן "משנכנס אדר מרבין בשמחה", און פרייליך קען מען נאר זיין ווען מען טוט תשובה".

דער ראש ישיבה האט יעדן טאג ביים חיזוק שיעור, געפאדערט און געמאנט פון די תלמידים, זיך צו נעמען אין די הענט אריין און נישט דורכלאזן די טעג מיט גארנישט, נאר אויסנוצן די צייט צו די מאקסימום, מיט תורה און תפלה. דער ראש ישיבה האט מעורר געווען אז מען דארף נוצן די מתנה וואס דער רבי האט אונז געגעבן דער "סדר דרך הלימוד", אז מען זאל שטענדיג לערנען נישט קיין חילוק צי מען האט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ אדער נישט, צי מען פארשטייט אדער נישט, צי מען געדענקט אדער נישט.

די בחורים האבן טאקע אפגעראכטן די הייליגע שובבי"ם טעג אין ישיבה אויף אזא וועג, די בחורים האבן אויסגענוצט די צייט ווי עס דארף צו זיין, מיט תשובה און מעשים טובים.

אלע בחורים האבן געענדיגט יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, וואס דאס אליינס קומט אן צו א סך הכל פון איבער "פופציג טויזענט בלאט גמרא", דאס איז אויסער די טויזענטער פרקים משניות, טויזענטער קאפיטלעך תהלים, און נאך שיעורים וואס יעדער בחור האט זוכה געווען צו ענדיגן פאר זיך, אין צוגאב צו די שיעורים וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר שיעור עיון גמרא און משניות.

און אזוי גייען די בחורים צו צום חודש אדר, מיט פילע קעשענעס מיט תשובה, תורה און תפלה, וואס נאר אזוי איז מען זוכה צו די ריכטיגע שמחה.

***משנכנס אדר מרבין בשמחה!***

***

# די בחורים גרייטן זיך אויף פורים

די הייליגע ברסלב'ע ישיבה איז שוין גאר שטארק באקאנט אין די היינטיגע טעג, עס איז ברייט באוואוסט די גרויסע פעולות פון די הייליגע ישיבה, סיי וואס מען קען זען אויף די טייערע בחורים, הכרת פניהם ענתה בם, די תורה און תפלה, די יראת שמים און מדות טובות, וואס זיי האבן זיך איינגעקויפט בין כותלי הישיבה; און סיי די געוואלדיגע שיעורים וואס דער ראש ישיבה געבט יעדן טאג אין ישיבה, און ווערט געהערט דורך פילע צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט, וועלכע זענען זיך מחי' מיט די דרשות, און גלייכצייטיג מיט די "חיזוק יומי" - טעגליכע קורצע אויסצוגן פון די דרשות, וואס גאר אסאך אידן זאגן עדות אז די דרשות האבן געטוישט זייער לעבן צום גוטן אין אלע הינזיכטן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. פילע זענען זיך מחיה מיט די הערליכע ניגונים פון אמונה וואס האט איינגענומען די וועלט, אזוי אויך שעפן פילע אידן זייער גאנצע אידישקייט און לעבן פון די הייליגע בריוו פון די קונטרסים "עצתו אמונה", וואס ווערט פארשפרייט און צוכאפט דורך טויזנטער אידן וועכנטליך.

עס איז זייער מערקווירדיג דער גרויסער חילוק וויאזוי עס האט אויסגעזען מיט יארן צוריק ווען די ישיבה איז געעפנט געווארן, ביז היינט. אין אנהויב האט מען פארטריבן די בחורים און נישט געוואלט הערן בכלל פון די ישיבה, נישט באגרייפנדיג די געוואלדיגע תועלת וואס די הייליגע ישיבה ברענגט פאר די בחורים און פאר יעדן איינעם, און אצינד איז דאס פונקט פארקערט, ווען עס הערשט אזא צמאון א דארשט אויף די ישיבה, לא צמא ללחם ולא צמא למים, אידן שפירן פאר א גרויסע זכי' צו קענען האבן א חלק אין די געוואלדיגע פעולות פון די הייליגע ישיבה, לשמוע את דבר ה'.

די נאכפראגע איז שוין אזוי שטארק אז פארגאנגענעם יאר האט מען בשום אופן נישט געקענט נאכקומען דער פארלאנג, פון אלע זייטן האט מען געבעטן אז די בחורים זאלן ארויפצוקומען צו זיי אום פורים, און דאס איז ב"ה געווען גאר שיינע הכנסה פאר די הייליגע ישיבה.

אזוי ווי די צייט זייער באגרעניצט. וועט מען נישט קענען ארויפגיין צו קיינעם נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט. רופט 917-232-9070 צו באשטעלן די בחורים צו קומען משמח זיין ביי אייך אום פורים.

***ליהודים היתה אורה ושמחה!***

## מ'גרייט זיך אויף פורים

**פארגעלערנט מגילת אסתר, שיעורים אויף פורים, מעשיות פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים'דיגס, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**